**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/15/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט רעקארד צאל פאסאנזשירן איבער די גאנצע MTA סיסטעם**

***סאָבוועיס, באסעס, פאסאנזשיר באנען און פאראטראנזיט האבן געפירט 5.6 מיליאן ניו יארקער דעם מיטוואך, סעפטעמבער 14***

***סאָבוועיס האבן געפירט 3.7 מיליאן ניו יארקער דעם מיטוואך, די העכסטע צאל זינט אנהויב 2020, איבערשטייגנדיג פריערדיע רעקארד אוועקגעשטעלט לעצטע וואך***

***באסעס ברעכן רעקארד פון 2022 מיט ערשטיגע ציילונג פון פאסאנזשירן איבערשטייגנדיג 1.5 מיליאן פאסאנזשירן דעם דינסטאג***

***Metro-North באנען ברעכן רעקארד פון צאל פאסאנזשירן די צווייטע טאג אין א ציה, פירנדיג איבער 181,600 פאסאנזשירן; LIRR רעקארדירט צווייט-העכסטע טאג פון 2022 מיט צאל פאסאנזשירן***

***רעקארדס קומען אין דעם זעלבן וואך וואס OMNY קומט אן צו א האלבע ביליאן 'טאפּס'***

***זעהט בילדער פון די היינטיגע נייעס קאנפערענץ [דא]()***

***זעהט די היינטיגע נייעס קאנפערענץ [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) האט געבראכן די רעקארד פון צאל פאסאנזשירן איבער זייער גאנצע טראנספארטאציע סיסטעם דעם מיטוואך, סעפטעמבער 14, פירנדיג איבער 5.6 מיליאן פאסאנזשירן. די סאָבוועי און באסעס האבן געפירט איבער 5.2 מיליאן פאסאנזשירן דעם מיטוואך, ברעכנדיג ביידע די רעקארד. די צאל פאסאנזשירן אויף די סאָבוועי איז איבערגעשטיגן די פאריגע רעקארד וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן סעפטעמבער 8, פירנדיג 3,734,742 דעם מיטוואך, א 28.5 פראצענטיגע וואוקס פון די ענליכע טאג אין 2021. די צאל פאסאנזשירן אויף באסעס איז אנגעקומען צו 1.5 מיליאן, מיט א סך הכל וואס שטייט דערווייל אויף 1,523,000 פאסאנזשירן און איז ערווארטעט צו שטייגן מיט בערך 15 פראצענט ווען די פאסאנזשיר ציילונג ווערט פארטיג.

"אונזערע רעקארד צאלן פאסאנזשירן זענען די לעצטע צייכן אז ניו יארק'ס ערהוילונג איז צוריק אויפן ריכטיגן וועג, און מיר וועלן פארזעצן צו שטופן פאראויס צו בויען א בעסערע און שטערקערע ניו יארק", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פאסאנזשירן סווייפען, טאפן זייערע קארטלעך און מאכן זייער וועג צו ניו יארק'ס עקאנאמישע ערהוילונג, און מיר קוקן ארויס צו אנהאלטן די שוואונג."

די פאסאזשירן באנען זעצן פאר צו ווייזן א וואוקס אין די צאל פאסאנזשירן. די Metro-North באנען האבן געבראכן די רעקארד מיט די צאל פאסאנזשירן פאר די צווייטע טאג אין א ציה, פירנדיג מער פון 181,600 פאסאנזשירן דעם מיטוואך, די העכסטע צאל זינט צום וויינגסטנס מערץ 2020. די Long Island Rail Road האט געפירט איבער 200,000 פאסאנזשירן אויף א וואכן טאג צום צווייטן מאל זינט מערץ 2020 דעם מיטוואך, פירנדיג מער פון 202,700 רייזנדע. די ערשטיגע סך הכל איז די צווייט-העכסטע נאך די רעקארד וואס LIRR האט אוועקגעשטעלט לעצטע וואך, סעפטעמבער 7.

די Access-A-Ride באסעס זענען אויך אנגעקומען צו א הויכע צאל מיט 28,000 געסקעדזשולטע רייזעס דעם מיטוואך, די העכסטע נומער זינט די אנהויב פון די קאוויד-19 פאנדעמיע אין מערץ 2020. זינט די סקולס האבן זיך צוריק געעפנט לעצטע וואך זענען Access-A-Ride רייזעס געווען א דורכשניט פון 86 פראצענט פון די שטאפלען וואו עס האט געהאלטן בעפאר די פאנדעמיע.

**MTA טשעירמאן און CEO דזשענאָו ליעבער האט געזאגט,** "דורכאויס מיין גאנצע קאריערע הער איך מענטשן שרייבן הספדים פאר ניו יארק, אבער איך קען אייך זאגן אז מיר ביי די MTA וועלן אויפווייזן אז זיי זענען זיך טועה. די פאסאנזשירן נומערן זענען צו די העכערע זייט פון אונזערע לעצטיגע שאצונגען, און זיי ווייזן אז מאסן טראנספארטאציע רוקט זיך אין די ריכטיגע ריכטונג, און מיר שטעלן זיך נישט אפ. כאטש ארבעטן פונדערהיים וועט זיכער בלייבן מיט אונז אין א געוויסע פארעם, דאך איז די וואוקס אין די צאל פאסאנזשירן וואס מיר זעהען א סימן אז מענטשן קערן זיך יא צוריק צום אפיס."

**NYC טראנזיט פרעזידענט ריטשארד דעיווער האט געזאגט,** "דורכאויס מיין גאנצע קאריערע הער איך מענטשן שרייבן הספדים פאר ניו יארק, אבער איך קען אייך זאגן אז מיר ביי די MTA וועלן אויפווייזן אז זיי זענען זיך טועה. איין זאך וואס איך האב געלערנט פרי נאכן אריינגיין אין אפיס איז אז ניו יארקער פארשטייען אז די שנעלסטע, זיכערסטע און באקוועמסטע וועג זיך צו באוועגן ארום די סיטי [איז דורך פובליק טראנספארטאציע]. ווער עס איז נאר געווען אין די סיסטעם קען פילן ווי עס גייט צוריק צו די ווירבלנדע צייטן פאר וועלכע ניו יארק איז באקאנט. יעצט ווען די הערבסט סעזאן דערנענטערט זיך, וועט NYC טראנזיט פארזעצן צו זיין גרייט פאר מענטשן זיי צו ברענגען צו סקול, די ארבעט און בקרוב — צו די בעיסבאל שפילערייען."

**Metro-North רעילראָוד פרעזידענט און צייטווייליגע LIRR פרעזידענט, קעטערין רינאַלדי, האט געזאגט,** "עס איז גוט צו זעהן אז מענטשן קערן זיך צוריק אין די נומערן ווייל דאס איז א סימן אז נעמען די באנען זיך צו באוועגן ארום די ראיאן איז א ציהענדע אפציע פאר מענטשן. די ווידער-אויפשטייג פון די צאל פאסאנזשירן קומט אין א גוטע צייט. די נייע TrainTime עפ איז דאַונלאָודעד געווארן 295,000 מאל, מיט 1.2 מיליאן באניצער און 1.75 מיליאן טיקעטס שוין געקויפט דורך די עפ זינט עס איז ארויסגעקומען. מיר קוקן ארויס צו ענטפאנגען נאך מער פאסאנזשירן צוריק אויף די באנען אזוי ווי מיר גייען אריין אין דעם הערבסט און די האלידעי סעזאן."

די רעקארד צאלן פאסאנזשירן קומען אין די זעלבע צייט ווען די אויטאריטעט'ס קאנטאקטלאזע טיקעט באצאלונג סיסטעם, OMNY, פייערט א דערגרייכונג. די 500 מיליאנסטע OMNY באנוץ איז פארגעקומען בלויז בעפאר PM3:00 , סעפטעמבער 15, ביי די גרענד צענטראל סאָבוועי סטאנציע אויף די 4-5-6 ליניע, ווען א פאסאנזשיר מיט די נאמען דעבי האט זיך צוריקגעקערט אהיים צו ברוקלין פון אן ארבעט באאגעניש אין מידטאַון מאנהעטען ווען זי האט גענוצט איר טעלעפאן ביי די באן טויער, און זי איז באגריסט געווארן דורך MTA ארבייטער וועלכע האבן איר גראטולירט פארן זיין די האלב-ביליאנסטע מענטש צו באצאלן מיט OMNY. געציילטע מינוטן שפעטער, ביי א צערעמאניע, איז זי געגעבן געווארן א 100$ אנגעלאדענטע OMNY קארטל און קליידונג מיט די ברענד פון OMNY אין אנערקענונג פון די דערגרייכונג.

**MTA ציטווייליגער טשיף קאסטומער אפיסער, שאניפע ריערא האט געזאגט,** "די דערגרייכונג ווייזט אז טראנספארטאציע קליענטן פארשטייען מער און מער אז OMNY איז די בעסטע, שנעלסטע און באקוועמסטע וועג צו פארן מיט ניו יארק סיטי טראנספארטאציע. OMNY ווערט די אויסגעוועהלטע וועג מיט וועלכע הונדערטע טויזנטע פאסאזשירן באצאלן יעדן טאג אויף סאָבוועיס און באסעס. אזוי ווי מיר זעצן פאר צו ערמעגליכן דאס באנוץ מיט OMNY אין די גאנצע MTA סיסטעם, קוקן מיר ארויס צו זעהן מער און מער פאסאזשירן 'טאפן' זייערע טעלעפאנען ארום די סיטי."

**סאָבוועי פאסאזשיר דעבי** וואס האט געגעבן די 500 מיליאנסטע 'טאַפ' האט געזאגט, "איך בין באמת דאנקבאר פארן קענען נעמען די סאָבוועי, קענען אנקומען צו די ארבעט און צוריק אהיים זיכערערהייט. און אויך פאר די באקוועמליכקייט פון נוצן OMNY."

OMNY אדער One Metro New York (איין מעטראָ - ניו יארק) איז ארויסגעקומען צו די פובליק אין 2019 צו ווערן אויספרובירט ביי 19 סאָבוועי סטאנציעס און אויף סטעטן איילענד באסעס. די אינסטאלאציע פון די קאנטאקטלאזע סיסטעם איז געענדיגט געווארן אין דעצעמבער 2020, מיט אלע 472 סאָבוועי סטאנציעס און אלע פון די 5,800 MTA באסעס יעצט זייענדיג אויסגעשטאט מיט בערך 15,000 OMNY לייענער מאשינען.

די אויטאריטעט איז ארויסגעקומען מיט א פראבע פראגראם צו שטעלן א מאקסימום פרייז פאר מענטשן וואס נוצן OMNY אויף סאָבוועיס און באסעס פריער דעם יאר. די פראבע רעכנט אריין א "Lucky 13" פיטשעוועק, דורך וועלכע – אנגעהויבן פון די 13'טע רייזע פון יעדע וואך – וועט יעדע רייזע נאכדעם אויף די סאבוועי אדער באסעס זיין אומזיסט פאר די רעשט פון די וואך.

אויף די פאסאנזשיר באנען זעצן סיי LIRR און סיי Metro-North פאר צו אפפערן טיקעט דיסקאונט פעקעדזשעס, און זיי זענען לעצטנס ארויסגעקומען מיט א נייע TrainTime עפּ. TrainTime רעכנט אריין מעגליכקייטן צו קויפן טיקעטס, זעהען לעבעדיגע לאקאציע און קאפאציטעט פון די באנען אויף איין פלאץ, און עס איז גוט אויפגענומען געווארן דורך קליענטן. זינט עס איז ארויסגעקומען, האט TrainTime באקומען 295,000 נייע דאַונלאָודס, 1.2 מיליאן באניצער, און איבער 1.75 מיליאן טיקעטס זענען געקויפט געווארן דערמיט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418